# יובל קרעמענעץ

1950 — — — 1915

35

קרעמענעצער וואלינער
בענעוואלענט סאסייעטי

# זכר קרעמענעץ




ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳

דעצעמבער 2, 1950

# Kremenitzer Wolyner Benevolent Ass'n

Organized October, 1915

## ORGANIZERS

ALEX MINTZ

BENJAMIN BARSHOP

SAM BARSHOP

JULIUS BIENSTOCK

HARRY BIENSTOCK

ABRAHAM GOLDBERG

JOE COHEN

## OFFICERS

HARRY WIENER ........ Ex-Chairman

I. SALMOWITZ ........ Chairman

ISAAC FISHERMAN ........ Vice Chairman

M. REIKIS ........ Treasurer

JACK BARSHOP ........ Financial Secretary

HARRY BIENSTOCK and I. SILVERSTEIN ........ Hospitalers

MORRIS HOFFMAN ........ Recording Secretary

LOU SIEGEL ........ Chairman of Cemetery



Sitting from Left to Right: JACK BARSHOP, ISIDORE SALMOWITZ, ISAAC FISHERMAN and MENDEL REIKIS.
Standing from Left to Right: HARRY WIENER, BENJAMIN BARSHOP, MENDEL BRONFIELD, JOE BLAY and ALEX MINTZ.

ה. געלערנט

# אַ יובל פאַר אַ צוקונפט

יעדער יובל ווערט געיום-טוב'ט אונטערן צייכן פון דעם פאַרגאַנגענעם „נעכטן". ווי ביי אַ יחיד אַזוי אויך ביי אַ כלל, אַ קאָלעקטיוו, אַ ציבור, טראָגט דער יובל-כאַראַקטער די פייערלעכקייט פון געבוירן-טאָג ביז דעם דערלעבטן „איצט".

עס איז אָבער אַ גרויסער חילוק אינם זין פון דעם יום־טוב. ביים יובלען אַ יחיד קומט דער מענטש, דער אינדיווידועלער מאָמענט אינם פאָדערגרונט. ביי אַ כלל אָבער איז דער עיקר, די טעטיקייט, די מעשים טובים, דער קאָלעקטיווער ווילן און אידעאַליזם פון אַרבעט לטובת הכלל.

ביי אַ יחיד איז אָפט די פייערלעכקייט באַגלייט מיט אַ געפיל פון בייִנקשאַפט נאָך די יונגע יאָרן וואָס זיינען געווען באַפליגלט מיט אַ צויבער־חן, מיט אַ קאָלאָריט-פאַנטאַזיע פאַרן ווייטן גליקלעכן „מאָרגן". זאָגט טאַקע דערויף די פאָלקס-חכמה וועגן אָט דער בייִנקשאַפט דאָס ווערטל: „דער שׂכל קומט נאָך די יאָרן"... דער „נאָך" איז ניט געמיינט „לויט", נאָר טאַקע נ אָ ך די יאָרן.

אַנדערש איז די פייערלעכקייט פון אַ כלל. אַזאַ יובל איז אַ פּערספּעקטיווער. ער סטימולירט פאַר אַ ווייטערדיגער פאַרבעסערטער, באַרייכערטער טעטיקייט פאַר דער געזעל־שאַפט. דאָס אָפּגעטוענע אינם פאַרגאַנגענעם „נעכטן" וועקט דעם באַגער, דעם חשק און באַגייסטערונג פאַר אַ בעסערער, אינטענסיווער אַרבעט אינם קומענדיגן „מאָרגן".

מעשים פון אַ כלל וואָרצלען אין דער מענטשלעכער געשיכטע. זיי ווערן פאַראַנקערט אין דער אייביקער אייביקייט, אינם לעתיד לבוא. אויך אַ יחיד שאַצט מען אַמאָל לויט זיינע מעשים פאַרן כלל, אָבער דעמאָלט ווערן שוין די מעשים דאָס אייגנטום פונם קאָלעקטיוו.

דאָס וואָרט ויהי — עס איז געווען, — האָט אַ תּלמיד חכם פאַרטייטשט אַז עס מיינט אַ צרה. ווייל ממה נפשך, איז עס געווען שלעכט פריער, איז ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, איז געווען גוט איז דאָך געוויס אַ שאָד וואָס איז אַוועק... ביי אַ קאָלעקטיוו, אַ ציבור, גילט אָבער שטענדיק דער והיה — עס וועט זיין. שטענדיג זיינען די אויגן געווענדעט צו אַ בעסערן און פאַרבעסערטן „מאָרגן".

אויך גורל־מאָמענטן אינם לעבנס־לויף ווירקן זיך אויס אַנדערש ביים יחיד איידער ביים כלל. ווען אַ יחיד ווערט נפטר אויף אַ אומנאַטירלעכן אופן, איז דער צער־מיטגעפיל ביי די אַרומיקע, זיכער אַ טיפער, אָבער ער איז אַ צייטווייליקער, אַ מאָמענטאַלער, אַ פאַרביי־גייענדיקער. „הימל און ערד האָבן געשוואוירן, אַז דאָס, וואָס די ערד דעקט-צו זאָל ווערן פאַרלוירן"... אַנדערש זעט עס אויס ביי אַ כלל. יאָר-איין, יאָר־אויס, דורות-לאַנג זיפצט און באַזינגט דאָס פאָלק דעם צער. מיט קומער און טרערן ברומט אַרויס דאָס פאָלק דעם „אלה אזכרה והומיה" אַלע יום כפּור. זיי וועל איך דערמאָנען מיט אומרו...

אַ יחיד פאַרגייט אָבער אַ כלל באַשטייט.

* * *

אַ דור קרעמענעצער יידן איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויפן אַמעריקאַנער באָדן. אַ דור פון „עמך" יידן, פון „שער און אייזן" האָט דאָ אין אַמעריקע געטראָגן אין זיך די בייִנקשאַפט נאָכן אָרט-אָפּשטאַם. און מיט פינף-און-דרייסיק יאָר צוריק האָט די בייִנקשאַפט באַקומען די איצטיקע קרעמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט.

באַהעפט אין די טריט פון זייערע אבות האָט מען דאָ דאָס טראַדיציאָנעלע אַלטע היים-לעבן אומגעשטאַלטעט.

די יידן האָבן דאָ אויסגעפורעמט דעם אַלטן היימישקייט-שטייגער פון לעבן. טאַקע אין אַ נייעם לבוש, אָבער מיט טראַדיציאָנעלער משפחה־וואַרעמקייט. אין די נייע פאָרמען פון אויסלעבן זיך דאָ, האָט געוואָרצלט דער חותם פון גייסטיקער פאַרבינדונג צום אָפּשטאַם. פשטות, פאָלקישע תמימותדיקייט האָט באַגלייט יעדן קער, יעדע ווענדונג פון טוען לטובת הכלל. די פאָרם האָט זיך געביטן, דער אינהאַלט אָבער איז געבליבן. אַלטער וויין אין אַ נייער כלי.

אַלע אַלטע חברות פון דער אַלטער היים אין איין-איינציקער-קרעמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט. דאָרט — בקור חולים, דאָ — האָספּיטאַליזאַציע; דאָרט — חברה הלואת חן, דאָ — ליי־פאָנד; דאָרט — מתן בסתר, דאָ — הילפס פאָנד; דאָרט — סומך נופלים, דאָ — רעליף; דאָרט — חברה קדישא, דאָ — לויה און סעמעטערי קאָמיטעט.

אויך דאָס ריין טראַדיציאָנעלע לעבן פון דאָרט האָט דאָ זיך טראַנספאָרמירט און אָנגעהאַלטן. אין דער אַלטער היים — שבת־קודש און מלוה מלכה, דאָ — שבת־צו־נאַכטס אסיפה מיט כיבוד; דאָרט — בר מצוה, דאָ — פאַריידישן; חתונה-וואָך (שבע ברכות), דאָרט, — לאַנדסמאַנשאַפט שמחות — דאָ. מזכיר נשמות טאָוול — דאָרט, זכר עולם אין פּראָטאָקאָל בוך — דאָ.

דער אַלטער טראַדיציע-כאַראַקטער איז אַוועק אין דער אייביקייט, אָבער די גייסטיקע ווערטיקייט פונם „נעכטן" האָט זיך אַריינגעוועבט אינם נייעם כאַראַקטער אַרום דעם לעבן און טעטיקייט פון דער קרעמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט, פאַר דער אַלטער היים, ווי פאַר זיך דאָ.

דער יובל פון דער עקזיסטענץ און ווירקן אין משך פון פינף־און-דרייסיק יאָר; דער אופן און די באַשיידנקייט פון דער טעטיקייט אין משך פון דער דאָזיקער עקזיסטענץ איז אַן אייגנאַרטיקער, וואָס טראָגט אין זיך די אייגנאַרטיקייט פונם אָפּשטאַם-אָרט. מעגליך אַז די קלימאַטישע ספּעציפישע רויקייט פון קרעמענעץ האָט אויך געווירקט אויף די געמיטער.

די שטאָט קרעמענעץ ציילט העכער זעקס הונדערט יאָר עקזיסטענץ. די געאָגראַפישע לאַנדשאַפט איז געבענטשט מיט בערגישער מילדקייט, וואָס הויכט אַראָפּ סיי אין דער זומערדיקער באַגרינטער ווייכקייט, סיי אין דער ווינטערדיקער ווייסער פּוניקייט.

אַ לעגענדע דערציילט וועגן דעם בעל שם'ס אייניקל, דער „מלאך", וואָס האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אַ שטיקל צייט. געוואוינט האָט ער אין אַ רוקן-געסל פונם „אַלטן בית מדרש", אויף אַ נידריגען צווייטן גאָרן, אינם הויז פון משה וועלים. די פראָנט פענסטערלעך האָבן אַרויסגעקוקט צום „צלם"-באַרג.

אין איינעם אַ קאַיאָר — (כהאַי אור) האָט אַ חסיד שטיל געעפנט די טיר צום רבינס צימער. אַ פאַרגאַפטער איז ער שטיין געבליבן אויפן שוועל דערזעענדיק די איינגעבויגענע פיגור פונם „מלאך", וועמענס בליקן זיינען אינגאַנצן פאַרטועט אויפן קעגנאיבערדיקן באַרג. וואָס שאַרפער זיינע בליקן האָבן אַרויסגעשטאַרצט, אַלץ מער איינגעשרומפּענער האָט אויסגעזען זיין גרימאַסעדיק פּנים, אַלץ מער איינגעקאָרטשעט דער גאַנצער גוף. ווען דער „מלאך" האָט אויפגעוואַכט פון זיינע דמיונות און דערזען דעם חסיד, האָט ער פאַר'דבקה'ט אָפּגעזיפצט און בשעת מעשה אַ זאָג געטאָן בזה הלשון: אַזאַ שטיק גוש עפר (גרידע ערד) און עס האַלט זיך ביי זיך אַזוי גרויס...

זינט דעמאָלט, זאָגט מען, האָבן קרעמענעצער יידן באַנומען דעם זין פון מקימי מעפר דל, מאשפות ירים אביון. און פשטות, באַשיידנקייט אין לעבן איז געוואָרן זייער צווייטע נאַטור.

אַזוי האָבן יידן דאָרט, אין דער אַלטער היים געלעבט. אַזוי אויך ווי צוויי, געציילטע צוויי לעבנגעבליבענע דערציילן, זיינען זיי דאָרט שטיל, אָבער מיט אינערלעך עקשנותדיגער יידישער ווערדע אומגעקומען דורך דייטש-אוקראַינישע בעסטיעס.

אויך יצחק בער לעווינזאָן, דער שאַרפער קריטיקער פון יידישן לעבן אין זיין צייט, האָט צו דער קרעמענעצער עדה זיך באַנומען ווי אַ צאַרטער מוכיח. אָט דער חותם האָט באַגלייט די קרעמענעצער יידן אויך דאָ אין אַמעריקע.

די דאָזיקע לאַנדסמאַנשאַפט איז געבוירן געוואָרן ניט פון אַ געפיל פון קנאה צו יענע לאַנדסמאַנשאַפטן וואָס האָבן דאָ שוין פון פריער עקזיסטירט; ניט צוליב שפּילן אין גבאות אָדער אַנדערע כיבודים, נאָר פון אַ פשוטן באַגער נאָך אַ גייסטיקן אָפּרו דאָ, אין אַ היימיש ווינקל.

פינף, ווי איין פינגערהאַנט, זיינען זיי געווען ביים געבורט פונם נאָמען קרעמענעץ אין אַמעריקע. מינץ, באַרשאַפ, בינשטאָק, א. גאָלדמאַן, דזש. קאָן. זיי האָבן געוואָלט גייסטיק זיך אויסלעבן אַן אייגענער קרעמענעצער סביבה. געקומען איז מען אהער שוין באַלאָדן מיט אַ פאַרמעגן פון פּאָליטישער דערוואַכונג. מען האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ פּאָליטישן פּרואוו פון שטרייקן און אויפקלערונג דורך סודותפולע שליחים, פון אַזאַ מין מיסטעריעזן קלאַנג וואָרט — פּאַרטיי: יונגע מענטשן, באַפליגלט מיט אַ ראָמאַנטיק פון אַ באַפרייאונגס־אידעאַליזם, האָט זי אויך דאָ אויף אַ באָדן פון אַ פריי לאַנד, געלויערט אויפן געמיט־צושטאַנד. דוקא אין די טאָג-טעגלעכע דאגות פאַר פרנסה איז די בענקשאַפט נאָך אַ גייסטיק וואָרט, איז דאָס וועלן זיך טוליען צווישן אייגענע, שטאַרק אויסגעוואָקסן.

האָט די דערמאָנטע גרופּע באַשלאָסן צו גרינדן אַ קרעמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט. דער הויפּט־ציל איז אין אָנהייב געווען: קולטור־אָוונטן. יעדער האָט מיט פרייד געצאָלט צען (10) סענט אַ וואָך אויף צו דעקן די הוצאות. אָט די אָוונטן וואָס זענען געווען געווידמעט יידישע קולטור־פּראָבלעמען, דעם יידישן רענעסאַנס, אויף אַלע געביטן פון יידישער קולטור, האָבן געצויגן אַן עולם. זיי זיינען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער, אַז אפילו פון אויסערהאַלב ניו יאָרק זיינען קרעמענעצער לאַנדסלייט געקומען אויף די אונטערנעמונגען. די צאָל מיטגלידערשאַפט איז בהדרגה געוואָקסן. ס'האָט זיך אויסגעפורמט דאָס פּנים פון דער אָרגאַניזאַציע, ביז מ'האָט זיך אויף אַ צערעמאָניאַלן אופן, מיט יידישער מוזיק, זיך באַזעצט אין אַ שטענדיק געדונגענעם לאָקאַל, און זיך געקרוינט מיטן נאָמען קרעמענעצער וואָלינער בענעוואָלענט סאָסייעטי.

ווי אַזעלכע האָט זי אירע פונקציאָנאַלע טעטיקייטן פאַר דער מיטגלידערשאַפט פיקסירט אין פאָרמען פון געגענזייטיקער הילף, פון פאַרזאָרגען מיט מעדיצינישער הילף אין אַ נויט־פאַל און באַזאָרגן אַן אייגן קבר-אבות ווינקל. דאָס איז די סימבאָליזירונג פון דער פאַרבינדונג פונם וויגל ביזן קבר.

די גאַנצע פינף-און-דרייסיק יאָר האָט מען סיי ביחידות, יעדער פאַר זיך, סיי בצבור געזאָרגט סיי פאַר דער אייגענער משפחה אין דער אַלטער היים, סיי פאַר אַלע קהלשע אינסטי־טוציעס וואָס האָבן דאָרט עקזיסטירט. אינסטיטוציעס פונם אַלטן שניט, ווי תלמוד-תורה, שפּיטאָל, מושב זקנים און אַלערהאַנט אַנדערע, אַזוי אויך פאַר דער מאָדערנער שול, קינדער־גאָרטן, פאַך-שול, לייען-ביבליאָטעק וכדומה.

עס איז אַ יובל וואָס וואָרצלט אינם טראַדיציאָנעלן עבר, אינם שטייגער פונם „נעכטן", מיטן פּנים געווענדעט צום „מאָרגן". פונקט ווי דאָס פאָלק אינגאַנצנגענומען פלעכט איצט איבער זיינע פאַרבינדונגס-פעדים אין דער וועלט־צעשפּרייטקייט, אַזוי אויך דער קרעמענעצער קאָלעקטיוו בינדט איצט צענויף דעם גורל פון אומגעקומענער אַלטער היים מיט די אַלע קרעמענעצער וואָס זיינען צעשפּרייט אין דער וועלט.

אַ יובל פון „אַמאָל" מיט אַן-אויסקוק פאַר דער צוקונפט.

# רעסטאַווירט דאָס הויז פון יצחק בער לעווינזאָן

(געבוירן אָקטאָבער 2, 1788, געשטאָרבן פעברואַר 13, 1860)

ווי אַזוי מען האָט אַמאָל געטון כדי צו פאַראייביקן ביי אונז דעם אָנדענק פון יצחק בער לעווינזאָן.

מיט בערך 50 יאָר צוריק (1906) איז דורך אַן איניציאַטיוו גרופּע אין צוזאַמענ־שטעל פון ד"ר מ. ליטוואַק, פּנחס ראַס, הרב ב. קונין, לייב שומסקי און איך, גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון מענטשן — וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט דעם געדאַנק וועגן פאַראייביקן דעם נאָמען פון אונזער חשובן בירגער, דעם געלערנטן און פילאָזאָף י. ב. לעווינזאָן. געקומען צו דער פאַרזאַמלונג זענען ביי 70-80 מענטשן, משכילים, קולטורעלע עסקנים און אויף דער פאַרזאַמלונג איז אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע, וועלכע די איניציאַטיוו גרופּע האָט פאָרגעשטעלט אויף וואָס פאַר אַן אופן זאָלן מיר פאַראייביקן אין קרעמעניץ דעם אָנדענק פון י. ב. לעווינזאָן.

נאָך אַ מיינונגס-אויסטויש איז אויף דער פאַרזאַמלונג אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, מען זאָל פאַרעפנטליכן אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע פון גאַנץ רוסלאַנד אַן אויפ-רוף צו אַלע יידן, מ'זאָל זאַמלען געלט און פאַר דעם געלט אויסקויפן דאָס שטיבעלע, וואו עס האָט געוואוינט און געשאַפן יצחק בער לעווינזאָן און דאָרט איינאָרדענען אַ שטאָטישע ביבליאָטעק און לעזע-זאַל. צו דעם צוועק איז אויפן אָרט אויף אַ דעמאָ-קראַטיש־געזעלשאַפטלעכן אופן אויסגעוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג אין פאָלגענדן צוזאַמענשטעל:

פרעזעס הרב ב. קונין, סעקרעטאַר ד"ר מ. ליטוואַק, קאַסירער פּ. ראַס און צוויי מיט-גלידער, ה. ל. שומסקי און איך.

נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם ערשטן אויפ־רוף האָט זיך אַ שיט געטון געלט קיין קרעמעניץ פון אַלע עקן פון גאַנץ. גרויסן רוסלאַנד, באַזונדערס וואָרעם האָבן זיך אָפּ-גערופן די שטעט פון ליטע. געשיקט געלט האָבן יידן, פאַרערער פון לעווינזאָנען און האָבן געדאַנקט וואָס מען האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו. דערווייל האָט מען איינגעגעבן צו דער מאַכט אַ סטאַטוט פון דער לעזע-זאַל און מען האָט געוואַרט, ביז מען וועט באַשטעטיקן אַזאַ סטאַטוט, כדי מען זאָל האָבן רעכט צו קויפן דאָס שטיבל וואו עס האָט געוואוינט לעווינזאָן און וואו עס האָט זיך דאַמאָלס געפונען אַ שענק. אָבער די צאַרישע מאַכט האָט געהאַלטן אַז ביבליאָטעקן זענען שעדלעך, בפרט נאָך לעזע-זאַלן. עס האָט זיי נישט געשמעקט און מען האָט אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן דעם סטאַ־טוט. דאַמאָלס האָט מען ווייטער גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, כדי צו באַהאַנדלען די פראַגע ווי אַזוי מען זאָל דערווייל קויפן דאָס הויז און באַזייטיקן פון דאָרט דעם שענק, ווייל עס איז אַ חרפּה, אַז אין לעווינ־זאָנס הויז זאָל זיין אַ שענק.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן דאָס הויז צו קויפן דערווייל אויפן נאָמען פון פּריוואַטע פּערזאָן און דאַמאָלס איז פאָרגעקומען אַ דעמאָקראַטישע (נישט ווי היינט) געהיימע אָפּשטימונג און עס איז באַשלאָסן געוואָרן דאָס צו קויפן אויפן נאָמען פון פאָלגענדע פּערזאָנען: ד"ר מ. ליטוואַק, לייב שומסקי און מיין נאָמען.

מיר האָבן דאָס שטיבל געקויפט, באַזיי-טיקט דעם שענק און געוואַרט אויף בעסערע צייטן, מען זאָל קענען פאַרווירקלעכן דעם

ווילן פון לעווינזאָנ׳ס פאַרעהרערס. אזוי האָט געדויערט ביז דער וועלט-מלחמה און דער-נאָך, בשעת דער מלחמה האָט מען זיך מיט דעם ענין שוין נישט באַשעפטיקט. דערווייל זענען דאָס רוב פון דאַמאָלסטיקע מיטגלידער אויסגעשטאָרבן, און דאַן האָבן מיר, די וואָס זענען פאַרבליבן און אויף וועמענס נאָמען עס איז דאַמאָלס געקויפט געוואָרן דאָס שטיבל, זיך באַראַטן, אַז מען דאַרף דאָס שטיבל איבערגעבן עפּעס אַ לעגאַלער אָרגאַניזאַציע, עס זאָל נישט פיגורירן אויף קיין פּריוואַטע פּערזאָנען, וועלכע זענען דאָך נאָר לעבעדיקע מענטשן און לײדער איז דאָך שוין טאַקע ביי היינטיקן טאָג נישט פאַרבליבן קיינער, אַחוץ מיר, וועלכע זאָלן קאָנען איבערגעבן דאָס אַלעם פאַר דער געזעלשאַפט און מיר האָבן באַשלאָסן איבערצושרייבן דאָס שטיבל אויף דער איינציקער לעגאַלער אָרגאַניזאַציע — וועלכע האָט רעכט צו קויפן אייגענטום — דער געזעלשאַפט ״אָרט״.

**ישראל מרגלית**

1937, קרעמעניץ

פרייז 10 גר. KREMENICER LEBEN

# קרעמעניצער לעבן

ערשיינט יעדן פרייטאג.

Krzemieniec, piątek 19 listopada 1937 r. | Rok wydania VII | יארגאנג | קרעמעניץ, פרייטאג, טו׳ כסלו פ׳ וישלח תרצ״ח

## באַגריסונג.

אין נאָמען פון אַלע אינסטיטוציעס און פון אלע, וועמען עס גיט הילף די קרעמעניצער רעליף אין ניו-יאָרק, באַגריסן מיר דעם איבערגעגעבענעם פריינט, מיטארבעטער און קאסירער פון רעליף

**מר׳ בנימין באַרשאַפ מיט אייער פרוי, צו דער פייערונג פון אייער זילבערנער חתונה**

און ווינטשן אייך מיט גליק און געזונט צו פייערן אייער גאלדענע חתונה.

ביי דער געלעגנהייט שיקן מיר אויך איבער די בעסטע גריסן און די האַרציקסטע דאנקען אַלע מיטגלידער פון רעליף, וועלכע שאַפן הילף פאר אונזער שטאָט.

**הילפס-פאַרטיילונגס-קאַמיטעט פון ניו-יאָרקער רעליף אין קרעמעניץ**



העלענע ווײַנבערג

# הײם־ווײ

איך בין נאָך אַלס פאַרבײנקט נאָך דיר,
מײַן שײן ליב שטעטעלע קרעמענעץ!
אין מײַנע טרוימען ביסטו אָפט מיט מיר,
אין טרוימען און אין חלומות אָן אַ גרענעץ.
אין מײַנע געדאַנקען פאַרנעמסטו דעם אָרט דעם גרעסטן,
ווײַל ווי קען איך דיך אפילו אויף אײן מאָמענט פאַרגעסן.
ווען צו דיר מײַן האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק,
צו יעדן שטײנדעלע און צו שטיבעלעס ווענט,
צו שטיבעלע, וואו כ'האָב צום ערשטן מאָל די וועלט דערקענט.
וואו ביסטו יעצט, מײַן שטעטעלע, מײַן הײם?
פאַרוואָס איז אַזוי אַכזריותדיק אומגעקומען דײַן געבײן?
איך זוך אײַך אַלע, מײַנע ליבע,
איך לעב מיט אײַך דאָס גאַנצע לעבן!
ווײַל וואָס איז ווערט אָן אײַך די טריבע,
וועלט מײַנע, געראַנגל און שטרעבן?
איך קען מײַן רו נישט מער געפינען,
איך קען מײַן גליק מער נישט דערגרײכן,
ביז עס וועט דאָס וואָרט נישט באַזינען
דעם יזכור פון דײַן לעבן.
ווי אין אַ שײנעם מילדן רײַכן מאַי,
אַזוי וועט אויפלעבן אין מיר פון ס'נײַ
מײַן ליב שטעטעלע מיט קלײנע געסעלעך,
באַצירט אין גרינע, בלומיגע בוימעלאך.
דיר, מײַן שטעטעלע, מײַן העל,
אַ מצבה אויפשטעלן איך וועל.
אויף אײביג לעבן און געדענקען,
נאָך דיר נאָגען, נאָך דיר בענקען.
אײביק פילן דעם פולן קלאַנג
פון אונזער שטעטעלעס געזאַנג!

## צו מיין וויצע פאָרזיצער

איך האָב שוין פריער געזאָגט, ווי מיר אַלע פון דער קרעמענעצער אָרגאַניזאַציע זענען ברידערלעך פאַרבונדן.

מיר האָבן צווישן אונז פאַרשיידענע אין זייער כאַראַקטער, אין זייער קולטור פאַר-מעגן. יעדער ברייינגט צום אויסדרוק זיין צוגאַנג צו דער ארבעט.

ווי אין יעדער געזעלשאַפטלעכער ארבעט איז דאָ קריטיק, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער דעבאַטע.

דער ברודער אייזיק פישערמאַן, מיין וויצע פאָרזיצער, איז שטענדיג באַלאָדן מיטן גע-פיל פון הארמאָנישקייט אין דער ארבעט.

ער, דער באַשיידענער מענטש, קומט שטענדיג צום וואָרט, נאָר ווען ער פילט, אז מען דאַרף פארשטאַרקן דעם אפיל פאר הילף.

ער איז שטענדיג פאַרזאָרגט פאר תכלית, אז די קאַסע זאָל ניט ליידן; שטענדיג איז ער גרייט צו באַלאַנסירן די סומע פון דער אייגענער קעשענע.

איך פיל זיין איבערגעגעבנקייט, זיין געטריישאַפט אין דער ארבעט, און ווי איך, אַזוי יעדער פון אונז, שאַצן הויך דעם גרויסן ווערט פון זיינע מעשים טובים.

**י. סאַלמאָוויץ**

## פאַרן כלל

דער הויפּט־בנין פון א געזעלשאַפט איז דער אחריות־געפיל אינם מענטשן פאַרן מיטמענטשן. וויל איך איצט באַרירן א פּאָר מאָמענטן פון פינף־און־דרייסיג יאָר צוריק, ווען די קרעמענעצער אָרגאַניזאַציע איז געבויט געוואָרן.

די ערשטע וועלט מלחמה האָט אונז דאָ און זיי, דאָרט, צעשיידט. איינער פון צווייטן האָט ניט געהערט. איך האָב דעמאָלט זייער פיל געטראַכט וועגן זייער גורל דאָרט, און דער געוויסן האָט געפּאָדערט עפּעס וואָס צו טאָן. אָבער „איינער איז קיינער"... איז אויפגע-קומען דער געדאַנק, אז מען דאַרף גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע וואָס פאַרמאָגט כח און ווילן צו זאָרגען און פאַרזאָרגן אַלע די אומ-גליקלעכע וואָס וועלן שפּעטער, נאָך דער מלחמה, זיך ווענדן צו אונז נאָך הילף.

געטראַכט און געטון. איך האָב צונויפ-גערופן די ערשטע באַראַטונג פון עטלעכע מענטשן, נעמליך: די ברידער באַרשאַפ, בינשטאָק, די גאָלדבערגס און די גאָלדמאַנס.

דאָרט איז אָנגענומען געוואָרן מיין פּאָר-שלאָג, אז מען זאָל רופן א פאַרזאַמלונג פון אַלע קרעמענעצער לאַנדסלייט דאָ, כדי צו גרינדן א קרעמענעצער געזעלשאַפט פאר דעם דערמאָנטן צוועק.

אַלע אָנטיילגענומער האָבן זיך אויפן אָרט באַשטייערט מיט א געוויסער סומע. אַזאַ פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן, סיי פון די איינוואוינער אין ניו־יאָרק און סיי ארום ניו־יאָרק.

אָבער ניט אַלע מענטשן זענען געקנאָטן פון איין טייג... פון די צוויי הונדערט פאַר-זאַמלטע האָבן דעמאָלט נאָר זעכצן באַוווי-ליקט צום געדאַנק פון אַן אָרגאַניזאַציע. אַזוי ארום איז פון זעכצן מענטשן דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן דער קערן פון דער קרעמענעצער וואָלינער בענעוואָלענט סאָ-סייעטי. מיט דער צייט איז די אָרגאַניזאַציע געוואַקסן אין מיטגלידערשאַפט־צאָל.

פאַר די פאַרגאַנגענע פינף־און־דרייסיג יאָר האָט אונזער אָרגאַניזאַציע אָפּגעטון א גרויסע גוטע הומאַניטאַרע ארבעט. צו יעדער צייט און אין פאַרשיידענע לענדער מעבר לים, וואו נאָר עס האָבן זיך געפונען קרעמענעצער נויטבאַדערפטיגע, האָט אונזער אָרגאַניזאַציע געהאָלפן, מיט ליבע און הארץ.

דער דאָזיגער גייסט זאָל באַגלייטן אונז אין דער ווייטערדיגער ארבעט.

**אליה מיניק**

# אונזער אַלעמענס יום־טוב

אינם היינטיגן יובל-יאָר פון אונזער אָרגאַניזאַציע פיל איך אַ באַזונדערע זכיה אין דעם, וואָס איך בין איר טשערמאַן. עס איז ביי מיר פונקט אַזאַ געפיל, ווי ביי עלטערן וואָס פירן צו דער חופּה זייער מוזינקע.

עס איז אַ פינף־און־דרייסיג יאָריגער יובל פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואו אַלע זיינען גע־קניפּט און געבונדן ווי איין מענטש, איין האַרץ, איין נשמה; אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז קליין אין צאָל אָבער גרויס אין גייסט, איבערפולט מיט אַ געפיל פון: איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם. אַזאַ מזל-ברכה איז אַ סימן פון ברידערלעכקייט, משפּחהדיקייט. בין איך טאַקע באמת שטאָלץ דערמיט, וואָס איך האָב זוכה געווען צו זיין דער פאָרזיצער פון דער נאָבעלער קרעמענעצער אָרגאַניזאַ־ציע. איך פיל זיך גליקלעך פון דעם צוטרוי וואָס איז מיר אַרויסגעוויזן געוואָרן צו זיין אויסגעקליבן צו אַזאַ אַמט. אַ מענטש הייבט אָן צו דערקענען זיך אַליין, ווען זיינע אַרומיגע ווייזן אַרויס צו אים אויפמערקזאַמ-קייט. דורכדעם אַליין האָב איך דערפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס איך האָב צו דער אָרגאַניזאַציע, צו דערפילן ערנהאַפט די הייליגע פליכטן פון אַרבעט.

אין מיין זכרון דערוואַכן אַ סך מאָמענטן פונם לעבן פון אונזער אָרגאַניזאַציע, פון איר טעטיקייט דאָ, ווי פאַר אונזערע אין דער אַלטער היים; ווי שטאַרק עס זענען געווען די פאַרבינדונגס־פעדים צווישן אונז דאָ און זיי — דאָרטן.

פאַר די פינף-און־דרייסיג יאָר האָבן מיר אויפגעטון מער ווי אונזערע שוואַכע כחות האָבן אונז ערלויבט. אָבער אין אַלע אונ-זערע מעשים איז געווען נשמה, האַרץ און געטריישאַפט.

אין אַזאַ מאָמענט פון דערהויבנקייט איז מיין טיפער באַגער, אייך אַלע מיינע קרעמע-נעצער ברידער און שוועסטער צו זאָגן אייך פון טיפן האַרצן:

זייט געבענשט מיט לאַנגע יאָרן, מיט כח און קראַפט, צו קענען ווייטער טון די הייליגע אַרבעט פאַר אונזערע אייגענע, פאַר דער מענטשהייט, פאַר דער וועלט.

**י. סאַלמאָוויץ**



די תלמידים ביים גראַדואירען די פאַך־שול פון „אָרט״,
געשטיצט פון קרעמענעצער רעליף אין ניו־יאָרק.



## קלאַראַ סאַלמאָוויץ

ביי אידן איז איינגעפירט, אַז בעת מען איז מקבל שבת זאָגט מען אויך דערביי אַ שבח צו דער פרוי, אַ לויב צו דער אשת חיל.

די פרוי פון אונזער פרעזידענט, קלאַראַ סאַלמאָוויץ, האָט כשר פאַרדינט אונזער דאַנקבאַרקייט. זי, די אשת חיל, האָט עס געמאַכט איר הויז פאַר אונז אַ בית ועד, אַ צענויפקום פאַר אונזער עקזעקוטיוו, פאַרן רעליף־קאָמיטעט. איר הויז איז די קוזניע, וואו אַלע טעטיקייטן אונזערע ווערן אויסגעשמידט. זי שאַפט די וואַרעמע אַטמאָספער וואָס איז נויטיק פאַר האַרמאָניע אין דער אַרבעט.

אין דער שבתדיגער געהויבנקייט פון אונזער יובל קומט אַ גרויסן חלק דער קרעמענעצער אשת חיל קלאַראַ סאַלמאָוויץ און מיט נחת דערמאָנען מיר דאָס.

עקזעקוטיוו פון דער קרעמענעצער סאָסייעטי
אַרו<br>אַ־ריזיר־קאָמיטעט פונם יובל

## אַ האַרציגע באַגריסונג

צו די גרינדער, פרעזידענט, וויצע פרעזידענט און אַלע מיטגלידער פון דער קרעמענעצער סאָסיעטי צום פינף־און־דרייסיג יאָריגן יובל.

דאָס אידישע קרעמענעץ האָט פאַרנומען אַן אייגנאַרטיק אָרט אין אונזער געשיכטע, פאַר דער אומגעשטאַלטונג פון אידיש לעבן. צווייגעלעך פון יענעם אָפּשטאַם זענען אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן אַהער, אין דער פרייער אַמעריקע, וואו עס איז אויסגעוואָקסן אַ געראָטענער משפחה-בוים — די קרעמענעצער וואָלינער בענעוואָלענט סאָסייעטי.

מיר קוקן צוריק מיט שטאָלץ אויף דער אָפּגעטוענער אַרבעט פאַר דער צייט פון אונזער עקזיסטענץ, סיי דאָ, בפרט דאָרט אין דער אַלטער היים.

ווען אונזערע געמיטער זענען דערשלאָגן פונם אומקום פון אונזערע קדושים, דערגייט צו אונז אַ טרייסט פון דער שארית הפליטה וואָס פאַרפלאַנצט דעם קרעמענעצער בוים אויף אונזער הייליגער ערד, ארץ ישראל.

צו זיי שיקן מיר איבער אונזערע ברידערלעכע האַרציגע ברכות, מיט אַ געפיל פון שטאָלץ. דעם שונא'ס שווערד האָט אונז ניט געקענט באַזיגן. עם ישראל חי!

דער גייסט פון אונזערע אומגעקומענע קדושים זאָל משפיע זיין אינם איצטיקן לעבנס-געראַנגל אין ארץ ישראל.

אינם היינטיקן יובל־יאָר זענען מיר מתפלל אַז צום פופציג-יאָריגן יובל זאָל מקוים ווערן דאָס וואָרט פונם נביא — וקראתם דרור בארץ לכל יושביה, דאָס אידישע פאָלק זאָל אויפגעריכט ווערן, מדינת ישראל זאָל זוכה זיין צו קענען אויספירן די שליחות וואָס איז איר אָנגעצייכנט געוואָרן פונם באַשעפער: כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים. עס זאָל זיין שלום אויף דער וועלט.

בברכת ציון,

**מנחם מענדל ורעיתו מלכה בראנפעלד**

# מיין ברכה צו די קרעמענעצער

איך געדיינק נישט אַלץ וואָס איך האָב געלערנט אין מיינע קינדער יאָרן, כ׳האָב אַ סך פאַרגעסן. וואָס איך געדיינק יאָ, איז אַ טייערן מאמר וואָס דער רבי האָט אין מיר אריינגעחזרט, נעמליך: מכל מלמדי השכלתי, — שטענדיק זיך לערנען פון אנדערע, שטענדיק וויסן מיין פּלאַץ. און נאָך אַ זאַך געדיינק איך: דאָס וואָס הלל הזקן האָט געענטפערט אַ געצנדינער אויף זיין ווענדונג, אים אויסלערנען די גאַנצע תורה אויף איין פיס. האָט הלל אים געענטפערט: ואהבת לרעך כמוך — זיי אַ מענטש און באַצי זיך מענטשלעך צו אַנדערע. גאָלדענע ווערטער, וועלכע האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

איך ווייס שטענדיק מיין פּלאַץ, שטענדיק לערן איך זיך פון אַנדערע. אָפט רייצט דער חשק זיך צו באַטייליגן אין אַ דעבאַטע וועגן געוויסע אַנגעלעגענהייטן אין דער סאָסייעטי. ווען איך זע פאַר זיך אַזעלכע שטאַרק און לאָגישע רעדנער ווי דער טשערמאַן סאַלמאָ-וויץ, בעני באַרשאַפּ, מינץ און מר. געלערנט, וועלכער האָט כשר פאַרדינט זיין נאָמען, האַלט איך זיך צוריק. דאָס מאָל אָבער מוטשעט מיך דער געדאַנק יאָ צו „זינדיגן"... בפרט ווען מען בעט יעדן מיטגליד צו זיין אין זשורנאַל, געווידמעט דעם פינף-און-דרייסיג יעריגן יובל פון אונזער עקזיסטענץ.

אַ שרעק האָט מיך באַפאַלן ווען איך האָב גענומען די פּען אין האַנט. איך האָב זיך אָבער דערמאָנט אַ מערקווירדיגע געשיכטע, וואָס האָט מיך באַרואיגט. איך ווייס נישט, צו דאָס איז אמת, אָבער ווי אַ וויץ איז דאָס אויך אין פּלאַץ: ראש השנה אין שוהל, ווען די אידן האָבן געשריען אויפן קול „שמע קולנו", האָט איינער געגעבן אַ פייף. ווער ווייסט, צו וואָלט מען יענעם נישט צעריסן אויף שטיקער ווען נישט דער רב, וואָס האָט געפרעגט פאַרוואָס ער האָט געפייפט און צי ווייסט ער נישט, אַז עס איז ראש השנה. דערויף האָט ער געענטפערט. יאָ, ער ווייסט, נאָר אַזוי ווי איך קען נישט דאַוונען, האָב איך געגעבן אַ פייף, מען זאָל וויסן אין הימל, אַז איך בין אויך דאָ. דער רב איז געוואָרן איבערראַשט און ערקלערט, אַז אָט דער פייף איז געווען די בעסטע תפילה, וואָס האָט גע-מאַכט אַ רושם אין הימל.

מעגלעך, אַז מיינע ווערטער וועלן אויך נישט זיין מער ווי אַ פייף, אָבער דערפאַר זענען זיי פון טיפן האַרצן. זיי זענען אַן אויסדרוק פון פרייד, וואָס איך האָב דער-לעבט צו זיין אַן עדות פון אַ גרויסער שמחה וואָס איז דער רעזולטאַט פון שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט אויפן געזעל-שאַפטלעכן פעלד.

דאָס וואָס די סאָסייעטי האָט געטון נאָר פאַר קרעמענעץ אַליין וועט פאַרנעמען אַ שיינעם פּלאַץ אין אונזער בלוטיגער גע-שיכטע. הלוואַי זאָלן מיר אַלע ברידער און שוועסטער זוכה זיין צו פייערן אַ פופציג-יאָריגן יובל. עס איז אַ וואונטש פון טיפן האַרצן. איך נעם זיך נישט איבער מיט מיין אייגענעם בייטראָג צו דער אַרבעט פון דער סאָסייעטי. איך פיל זיך אָבער גליקלעך וואָס איך האָב אויך צוגעלייגט אַ האַנט.

**אייזיק פישערמאַן**

# זייט געבענטשט!

מיר, די קרעמענעצער לײדיס אָקזילערי, באַגריסן אייך לאַנדסלייט און פריינד פון דער קרעמענעצער וואָלינער בענעוואָלענט אַססאָסיאיישאָן צו אייער 35טן יובילייאום.

מיט גרויס פאַרגעניגן דריקן מיר אויס אונזערע בעסטע וואונטשן צו אייער גרויסן יום-טוב און ווינטשן אייך נאָך אַ סך יאָרן פון געזונט, גליק און טעטיקייט, איר זאָלט אַלע דערלעבן צו פייערן אייער 50-יאָריגן יובילייאום.

אייער גוטע אַרבעט איז אַלעמען באַוואוסט און מיר זענען שטאָלץ מיט אייך. זאָלן געבענטשט זיין אייערע הענד, טייערע ברידער, פאַר אייער גוטסקייט און מיטלייד מיט די אָרעמע און נויטבאַדערפטיגע. מיר ווילן אייך פאַרזיכערן, אַז מיר שטייען מיט אייך און זיינען גרייט אייך צו העלפן אין אייער הייליגער אַרבעט. די נויט איז גרויס און אונזער הילף איז נויטיק. לאָמיר ענגער שליסן אונזער צענויפגעבונדנקייט. אונזערע לאַנדסלייט דאָ און אומעטום וואו אונזער זשורנאַל קען גרייכן זאָלן געדיינקען אויסצושטרעקן אַ הילפס-האַנד צו אונזערע ברידער אין ישראל וואָס נויטיקן זיך איצט זייער שטאַרק אין הילף. אַלע קרעמענעצער לאַנדסלייט, וואו איר זענט, דאַרפן העלפן דעם „רעליעף" אין זיין שווערער אַרבעט. די הילף איז נויטיק! רופט זיך אָפּ ווי עס באַדאַרף צו זיין.

מיר דאָ אין דעם געבענטשטן לאַנד זענען אימשטאַנד אַ סך אויפצוטאָן, אויב מיר ווילן. עס איז געווענדט נאָר אין אייך. מיר זענען זיכער אַז אונזערע ווערטער וועלן ניט באַגעגענען טויבע אויערן... נאָר אויפגענומען ווערן דורך אייערע הערצער. איר וועט געוויס טון אייער פליכט צו אייערע געראַטעוועטע אָרימע ברידער אין ישראל.

די קרעמענעצער לײדיס אָקזילערי דריקט אויס אַנערקענונג צו די מעמבערס און טוערס פון דער קרעמענעצער סאָסייעטי און אַ ספּעציעלן שבח און דאַנק אונזער ליבן, גוטן און האַרציקן טשערמאַן, ברודער סאַלמאָוויץ. זיין גוטסקייט און גרייטקייט צו העלפן אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים איז גאָרניט אָפּצושאַצן.

אַ גרויסן יישר כח צו אייך, טייערע ברידער. גאָט זאָל אייך באַלוינען פאַר אייער גוט אײדל האַרץ. מיר ווינטשן אייך לאַנגע יאָרן פון געזונט, גליק און נחת, איר זאָלט קענען שטענדיק אָנגיין מיט אייער גוטער אַרבעט! זייט אַלע געבענטשט!

קרעמענעצער לײדיס אָקזילערי

# צום זכר קרעמענעץ

איך ווייס אַז מיינע ברידער און שוועסטער פון אונזער קרעמענעצער לאַנדסמאַנשאַפט דערוואַרטן פון מיר אַ וואָרט פון אונזער אַרבעט פאַר די פאַרגאַנגענע פינף-און־דרייסיק יאָר. ווי איינער וואָס האָט געהאַט די זכיה פון גרינדן די אָרגאַניזאַציע וואָלט טאַקע אַזוי באַדאַרפט זיין. אָבער מיט אַ כיוון וויל איך היינט דאָס אויסמיידן, בפרט נאָך ווען אַנדערע טוען דאָס שוין.

דער יובל פירט מיך צוריק צום געבוירן־טאָג פון אונזער אָרגאַניזאַציע. אָט דער טאָג וועקט אין זכרון די צייט פון מיין היים,, געבוירן־היים, דאָרט וואו איך בין אויסגעוואָקסן און דערצויגן געוואָרן.

אונזער אידיש קרעמענעץ איז אין דער וועלט באַקאַנט דורך דעם גרויסן דיינקער און שרייבער, יצחק בער לעווינזאָן. די אידישע באַפעלקערונג אַליין פאַרנעמט וויניג אָרט אין דער געשיכטע פון אידישע קהילות, סיידן נאָר צווישן די טויטע, די אומגעקומענע דורך כמעלניצקים קאַניבאַלן.

איך בין ניט קיין שרייבער, קיין פאָרשער, נאָר איינער פון אַ סך קרעמענעצער אידן.

מיר דוכט, אָבער, אַז די באַרופענע שרייבער און פאָרשער האָבן פאַרנאַכלעסיקט דעם ספּעציעלן כאַראַקטער פון דער אידישער באַפעלקערונג. דאָס וויל איך איצט מתקן זיין.

קרעמענעץ איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אַ שטאָט פון מלאכות, פון אידישע האָרעפּאַשניקעס. אַחוץ די למדנים איז די שטאָט געווען צעגלידערט אין אַ סך דיפערענצירטע פאַכן, ווייל קרעמענעץ האָט אַרום זיך געהאַט אַ גרויסע צאָל שטעטלעך, דערפער, וואָס האָבן זיך פון איר דערנערט אינדוסטריעל.

לאָמיר טאַקע אויפשטעלן אַ צעטל פון די פאַרשיידענע מלאכות וואָס זענען אויסגעבויט געווען נאָר פון אידן. מיר ווילן באַלד דערזען אַז ניט נאָר דער אומעטום אָנגענומען פאַך, שניידעריי, האָט פאַרנומען דעם צענטראַלן אָרט.

אידישע פאַכן זענען געווען: שניידער, — צוויי סאָרטן: גוטע, פיינע און טאַנדערטניקעס. מענערשע, ווייבערשע און מיליטערישע.

כדאַי צו דערמאָנען דאָ אונזער יאַנקל שמוקלער. ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די מיליטער-לייט פון הויכע ראַנגען. ביי אים האָט מען באַשטעלט די מיט גאָלד באַצירטע עפּאָלעטן. ער פלעגט זיי אויסאַרבעטן מיט די הענט.

סטאָלאַרעס פון פיינער מעבל, טעסלערס (פאַר הייזער בוי), גאָנטאַרעס (דאַך-לעגער), מולאַרעס, טאָקערס, — צווייערליי: פאַר שיינער מעבל באַפּוצונג און פאַר ציגאַרעטלעך־האַלטערס. די לעצטע פלעגן באַדינען אַ שטיק רוסלאַנד; קאָוואַלעס (שמידן), בלעכער, סטעלמאַכס (אויסגעאַרבעט רעדער פאַר וואָגענס), שינדלמאַכערס (פאַר דעכער), באַנדאַרעס (פעסער), שוסטערס, לעדערשטעפער, קירזשנערס, טעפּערס, בוכבינדערס, גלעזערס, וואַטענמאַכערס (קאָטאַנמאַכערס), בייטלמאַכערס, קעמעלמאַכערס, יובילירן (גאָלדשמידן), זייגערמאַכערס, בריק מאַכער (שאָסייען), שלייפערס, ציגלמאַכער, טרעגערס, וואַסער-טרעגערס, קצבים, צירולניקעס, פּאַפּיראָסניקעס, וועש־נייטאָרינס.

אויך דער טראַנספּאָרט איז געלעגן אין אידישע הענט, סיי פון סחורה־ליפערן, סיי פון צווישנפאַרקער אין די אַרומיגע שטעטלעך. פון די פאַעטאָן-פירער (דרייווערס) איז כדאַי צו דערמאָנען דעם זייער לעבעדיגן, באַרעדעוודיגן בעל-עגלה שימעלע פויקער. ער האָט געהאַט די זכיה צו פירן דעם גרויסן שרייבער ש. אַנסקי, ווען ער איז מיט אונזער לאַנדסמאַן ה. געלערנט אַרומגעפאָרן פאַר דער פּעטערבורגער „אידישער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט".

ווי אַנגענעם עס זענען געווען די שבת-נאָכמיטאָגס, ווען די יוגנט פלעגט זיך צונויפקומען אין הויז פון שימעלע פויקער, און ער פלעגט פאָרלייענען שמר"ס ביכלעך. ער פלעגט זיי שוין באַצייטנס באַזאָרגן ביים פאַקנטרעגער משה.

דאָס אידישע פאָלקישקייט אין קרעמענעץ האָט געלעבט באַשיידן פון אייגענער פּראַצע. אַזוי איז זי געווען אויך אין איר קהלשער טעטיקייט. אפילו אין די יאָרן פון נייע פּאָליטישע באַוועגונגען איז קרעמענעץ געווען פּאַרטון אין דער אַרבעט לשמה. דערפאַר האָט זי ניט געלאַרמט אַזוי ווי אַנדערע.

אויך דעם ערשטן אַרבעטער-סטרייק פאַר ניט אַרבעטן אין די נעכט ערב די אידישע יום־טובים, האָט מען באַשלאָסן, שבת נאָכן דאַוונען, בעת מען האָט געפּראַוועט קידוש צוזאַמען ביי עטל מאַנוסעס...

גאַנצע פּלאַכטעס פאָלקס-חכמה פלעגן מיינע אויערן פאַרנעמען אין די ווינטער-טעג, בעת מען פלעגט זיך אָנוואַרעמען ביים אויוועז אין קצבים-שול.

ווי טיף און שטאַרק עס בייַנקט זיך נאָך יענער געמיטלעכער אַטמאָספערע.

אַזעלכע זענען מיר אַריבערגעקומען אַהער, אינם פרייען לאַנד אַמעריקע. מיר זענען אַהער געקומען באַוואָפנט ניט נאָר מיט אַרבעטס הענט, נאָר אויך מיט דעם ירושה־שטייגער פון אונזער געבורט־היים. מיר האָבן דאָ אין אונזער אַרבעט דעם שטייגער און פּראָטסקייט, פון באַשיידנקייט אָפּגעהיט. מען מעג זאָגן, און מיט שטאָלצער צופרידנקייט, אַז מיר זענען געגאַנגען אין די טריט פון אונזערע אבות.

די מערדערישע הענט פון די דייטשע און אַלערליי אַנדערע מחבלים האָבן אונזער אידיש קרעמענעץ אָפּגעווישט, אָבער מיר דאָ, זייערע קינדער, טראָגן אין האַרצן זייער זכר.

ביי היינטיגן יובל פון פינף־און-דרייסיק יאָר קרעמענעצער אַרבעט אין אַמעריקע, ווייסן מיר צו געדיינקען, אַז אין זייער זכות האָבן מיר דאָ געבוירן דעם נאָמען קרעמענעצער וואָלינער בענעוואָלענט סאָסייעטי, און דער נאָמען זייערער וועט אייביק בלייבן לעבן אין אונזערע הערצער.

איז טאַקע דער היינטיקער יובל ניט נאָר אַ שמחה פון פינף־און־דרייסיק יאָר פון לעבן און ווירקן, נאָר אויך אַ טרייסט פון ווייטער אָפּהיטן דעם נאָמען פון אונזערע אומגע-קומענע.

**ב. באַרשאַפּ**



קינדער פון קרעמענעצער בית יתומים ביי דער אַרבעט אין דער פאַך־שול פון „אָרט".



דר. ליטוואַק צווישן זיינע היים-לייט
אויף זיין באַזוך אין אַמעריקא אין 1928

# אַ גרוס צו מיינע ברידער און שוועסטער

אין דער שעה פון אייער גרויסן יום טוב וואַכט אויף אין מיין זכרון מאָמענטן פון מיין יוגנט-פריליגנ וואָס איז אויף אייביג פאַרשוואונדן, אָבער אין מיר איבערגעלאָזט אַ ירושה פון זיסע חלומות. אין די פאַרגאַנגענע פינף־און-דרייסיג יאָר איז געמאַכט געוואָרן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין אונזער לעבנס־גאַנג, געלייגט איר שטעמפּל אויף אונזערע געמיטער. זעען מיר דען אוים אַצינד ווי מיר האָבן אויסגעזען מיט פינף-און־דרייסיג יאָר צוריק?...

